ב. לוואָווא.



4

מעשהלעך
פאר קינדער

יידיש — מ ר.

197

פארלאג „דאָס בוך" ביאליסטאָק.

ב. לוואָווא.

4 מעשהלעך פאר קינדער

יידיש — מ ר.

רער קאָטערל.

צוויי הינט.

די וועווערכע און די כראָ.

די רויז.

1922

פארלאג „דאָס בוך“ ביאליסטאָק.

דרוק מ. פרוזשאנסקי, ביאליסטאָק.

B. LWOWA o o o o o o o
4 BAJECZKI DLA DZIECI:
MAŁY KOTEK, DWA PSY, o o
o o WIEWIÓRKA i WRONA,
RÓŻKA. o o o o o o o o o
o o TŁOM. Z ROSYJSKIEGO
WYDAWNICTWO o o o o o
„KSIĄŻKA" w BIAŁYMSTOKU
DRUKARNIA o o o o o o o
o o o M. PRUŻAŃSKIEGO
BIAŁYSTOK № 788 1922 o o

דער קאטערל.

גוט מאָרגן! דער גרויער קאָטערל האָט זיך אויפגעכאַפּט, אויסגעריבן די פאַרשלאָפענע אויגלעך, ברייט אַ געניץ געטאָן, זיך אויפגעהויבן פון קאָרב, אַוועקגעלייגט ביידע לאַפּקעס אויפן ראַנד און קוקט. זיינע צוויי ברידערלעך אין קאָרב שלאָפן נאָך. איינער איז אַ ווייסינקער, דער אַנדערער אינגאַנצן אַ שוואַרצער, נאָר די צורקע אַ ווייסע. שלאָפן זיי נאָך, צוגעטוליעט איינער אין צווייטן.

אין צימער איז העל, די בעריאָזע הינטערן פענסטער האָט זיך שוין אויך אויפגעכאַפּט און שאָקלט אירע בלעטער.

אויף דער פּאָדלאָגע ליגט אַ קנייל. נעכטן האָבן זיך די קאָטערלעך מיט אים געשפּילט. לאַנג זיך געשפּילט, ביז זיי האָט זיך פאַרוואָלט שלאָפן.

זיינען זיי אַריינגעשפּרונגען אין קאָרב, זיך אַוועק=

געלייגט, פֿאַרמאַכט די אויגלעך און איינגעשלאָפֿן. די גאַנצע נאַכט אָפּגעשלאָפֿן. צוויי שלאָפֿן נאָך, נאָר דער גרויאינקער איז שוין אויף. ער איז אַרויס־געקראָכן פֿון קאָרב, צוגעגאַנגען צום קנײלכל, אַ שטייס געטאָן דאָס מיט דער לאַפּקע, האָט דאָס קנײלכל זיך געקייקלט, געקייקלט און אונטערן קאַמאָד זיך פֿאַרקייקלט.

ניטאָ מער קיין קנײלכל, ניטאָ מיט וואָס זיך צו שפּילן. אַרויסקריגן פֿון אונטערן קאַמאָד איז אַ שווערע מעשה.

און די בעריאָזע רוישט אינדרויסן:

— קום, קאָטערל, קום צו מיר, אין גאָרטן!

האָט דער קאָטערל געטראַכט, געטראַכט, איז אַרויס אויפֿן גאַניק, שטייט און קוקט.

זעט ער — אַן אַלייע, אַ לאַנגע, אַ ברייטע. בײַם סאַמע סוף — אַ רויטע קויל — די זון גייט אויף. קיינמאָל האָט נאָך דער קאָטערל ניט געזען, ווי די זון גייט אויף.

— כאַ, כאַ, כאַ! סאַראַ שיינקייט! בעסער אַפֿילו פֿאַר אונזער קנײלכל, — טראַכט ער, — אַ וואוילע פּילקע! — און אַוועקגעלאָזט זיך איבער דער אַלייע.

דאַכט זיך אים, אַז ער איז שוין אַ גרויסער, פּונקט ווי די מאַמע, איז אַוועק אַליין שפּאַצירן.

אָבער לעבן די הויכע ליפּעס קומט ער אויס אַזאַ ברעקעלע, קוים, וואָס מען זעט אים.

ביינאַכט איז געגאַנגען אַ רעגן, און אויף דער אַלייע זיינען אומעטום פאַרבליבן לוזשעס. איז ער צוגעלאָפן צו אַ לוזשע, בויגט זיך איין, קוקט אַריין.

— וואָס איז דאָס? — זאָגט ער, — סאַר אַ מאָדנע בריאה! אַביסל אין מיינע ברידערלעך געראָטן, אָבער איינער איז דאָך אַ וויסינקער, דער אַנדערער אַ שוואַרצער און דער, דאַכט זיך, ,עפּעס אַזוי און ניט אַזוי...

לויפט ער ווייטער, קומט צום עק אַלייע, זעט ער — די רויטע פּילקע איז נאָך ווייט, ווייט, דאַכט זיך, אַז זי ליגט אויף יענער זייט פעלד, אויף דער לאָנקע.

לויפט ער איבער דאָס פעלד, קומט צו דער לאָנקע, ערשט די פּילקע איז הינטער די בערגלעך.

— עך, ניט פאַר מיינע כּוחות,— טראַכט ער, לאָזט זיך צוריק אין גאָרטן און פאַרנעמט זיך אויף רעכטס, אין אַן אַנדער אַלייע.

באַגעגנט ער אַ הון גייט מיט די הינדעלעך, אַ סך, אַ סך, און אַלע שיינינקע בונטינקע.

די מאַמע־הון האָט געפונען אַ ווערימל, רופט זי צונויף די קינדערלעך, וויל צווישן זיי די מציאה באַרטיילן.

לויפן זיי, אײַלן זיך, שטופּן זיך, פֿאַלן פֿון די פּיסעלעך.

קוקט דער קאָטערל, קוקט, כאַפּט אים אָן אַ חשק זיך מיט זיי אַ שפּיל צו טאָן.

די קורטשאַקעלעך ווינען דאָך קיילעכדיקע, פּוכיקע. לויפֿט ער צו, טוט איינעם אַ ריר מיט דער לאַפּקע. קוים, קוים אַ ריר געטאָן, אַז די הון מאַכט דאָס אַ געוואַלד:

קאָ—קאָ—קאָ—קאָ!

פֿאַר כעס האָט זי קיין וואָרט ניט געקאָנט אַרויסריידן.

פֿאַרוואונדערט זיך קאָטערל, קוקט זי אָן: ער האָט דאָך נאָר געוואָלט זיך אַשפּיל טאָן, מער גאָרניט.

— גיי, האָב צו טאָן מיט נאַראָנים! — טראַכט ער און שפּרינגט אַוועק צום הויכן גראָז, וואָס ער האָט דערזען פֿון ווייטן.

דאָס איז געווען אַאיר, און הינטער דעם אַאיר איז געווען אַ סאַזשלקע. דאָס וואַסער, אַ גרינלעכס איז מיט ווייסע בלומען, מיט בעכערלעך באַדעקט.

אין זומפּ, ניט ווייט פֿון ברעג, איז געזעסן אַ פֿראָש, אַ גרינער מיט שוואַרצע פּינטעלעך, די אויגן שוואַרצע, קיילעכדיקע.

דערזען דעם קאָטערל, שרייט ער.

—אַוו—וו—וו—עקקקקק! אַה—וו—וו—עקקקקק!

פאַרדריסט ענג דעם קאָטערל, קערט ער זיך אָפּ און קוקט אין וואַסער אַריין. דאָרט, אין וואַסער דערזעט ער דיזעלביקע מאָדנע בריאהלע, דאָס גרויע נפשל, — האָט ער זיך ווידער ניט דערקענט, געטאָן אַ קלאַפּ איבערן וואַסער מיט דער לאַפּקע.

ברררר... פע, — פאַרנעצט די לאַפּקע.

גייט ער ווייטער, זעט — אַ טשערעדע גייט אַנטקעגן, פון פאָרנט אַ געלע קו, הינטער איר — אַנדערע שוואַרצע, גרויע און געלע, און לעמעלעך פּלאָנטערן זיך ביי זיי אונטער די פיס.

געפעלט אים, ווי די גלעקעלעך, וואָס ביי די קי אויף די העלדזער, קלינגען: גלין, גלין, גיליגען! גלין, גלין, גלאָן!

די קי טוען אַפילו קיין קוק ניט אויף אים, גייען זיך זייער וועג.

הינטער זיי שלעפּט זיך אָבער אַ גרויסער, קודלאַטער שמוציקער הונט. ווי נאָר ער האָט דערזען דעם גרויען קאָטערל, אַז ער וואַרפט זיך דאָס אויף אים מלא רציחה. דער קאָטערל האָט זיך דערשראָקן און געמאַכט פּליטה. דאָס האַרץ ציטערט אין אים. געלאָפן, געלאָפן איבער דער סטעזשקע און אין גראָז אַריינגעלאָפן. דאָס גראָז איז הויך און נאַס פון נעכטיקן רעגן.

לויפט ער, ווי אַ רוח, קוקט זיך ניט אום.
דער הונט האָט אים שוין לאַנג אויפגעהערט נאָכ־
צויאָגן, און ער לויפט אַלץ.

איז צוריק אַרויס אויף אַ סטעזשקע, — מיט־
אַמאָל ערשט וואַקסט פאַר אים די מאַמע ווינע אויס!

— פון וואַנעט האָסטו זיך גענומען?

— איך ווייס אַליין ניט... — און טוליעט זיך
צו דער מאַמען, ציטערט.

און די מאַמע לאַכט:

— טייערינקער מיינער, ליבינקער. זע נאָר סאַראַ
פנים דו האָסטו! נעבעך, אינגאַנצן אַ נאַסער...

גייען זיי אַריין אין שטוב, — די ברידער שפּילן
זיך מיטן קנייל׳כל, פאָרט אַרויסגעקראָגן פון אונטערן
קאָמאָד. שטייען זיי צו צום גרויאינקן, ווילן וויסן,
וואו איז ער געווען, וואָס געזען, און ער רעדט קיין
וואָרט ניט, האַלט זיך אין איין בלאָזן און שווייגט.
ער איז אַוועק צום קאָרב, זיך אין אים אַריינגע־
לייגט און איינגעשלאָפן, — צוויי שעה אָפּגעשלאָפן.

צוויי הינט.

דאַרבּטשיק האָט געלעבּט אין דאָרף בּײַ אַ פּויער. ער איז געווען אַ קליינער, אַ שוואַרצער, מיט קורצע האָר.

ער איז געווען אַ געטרייער הונט און האָט גוט געקאָנט די מלאכה: קיין פרעמדן פלעגט ער נאָנט צום שטוב ניט צולאָזן, בּײַנאַכט — נאָר כאַפּ! אַ דרעמל מיט איין אויג, רעכט געשלאָפן האָט ער קיינמאָל ניט.

מאַכט זיך אַ מעשה, אַז דער פּויער איז אַוועק־געשטאָרבּן, און דער הונט איז געבּליבּן אַליין. רופן אים די שכנים, די פּויערים, צו זיך. וויל ער ניט: ס'ציט אים ניט צו קיין נייעם בּאַלעבּאָס. ער וויל בּעסער גיין צום אַמאָליקן בּאַלעבּאָס אין דעם דאָרף, וואו ער איז געבּאָרן געוואָרן.

איז ער אַוועק. דער וועג איז אַ לאַנגער, אַ שווע־

רער. נאָר אַ ברירה האָט ער, גייט ער, גלייך, גלייך בערג, דורך וועלדער, דורך זומפּן, קערט זיך ניט אָפּ אָן דער זייט. רוט אַ ווײַלע אָפּ און לאָזט זיך ווייטער אין וועג.

איז אים אויסגעקומען צו גיין דורך אַ טונקעלן וואַלד. זעט ער מיטאַמאָל — הינטער אַ רעמב אַן אַנדער הונט. אויך אַ קליינער, פונקט ווי ער, די האָר קורץ, פונקט ווי זיינע, אָבער ניט קיין שוואַרצע, נאָר געלע מיט ווייסע פלעקן, דעם עק צו דער ערד אַראָפּגעלאָזן.

יענער גייט אַרויס, קוקט זיך אַרום, און די אויגן זיינען ביי אים אַזעלכע בייזע, רק ווי קוקן אין אַ זייט, פרעגט ער:

— ווער ביסטו אַזוינער?

— איך בין ראַבטשיק, און דו?

— איך?! וואָס גייט עס דיר אָן?

און טאַקע ניט געזאָגט ווער. נאָר ביי ראַבטשיקן פרעגט ער:

— וואוהין גייסטו?

— אין אַ ווייטן דאָרף. גלייך, גלייך גייט מען אַהין, און דו?

— איך גיי אויך אַהין. נאָך וואָס גייסטו?

— צו מיין אַמאָליקן באַלעבאָס. מיין פויערל, וואָס איך האָב מיך ביי אים אויפגעהאַלטן, איי, נעבעך,

אַוועקגעשטאָרבן, ווייל איך זיך אומקערן אין מיין דאָרף, וואו איך בין געבאָרן געוואָרן, און דו?

— עט, אַזוי זיך, איר האָב דאָרט עפּעס אַן עסק.

ער איז זיך ניט מודה, אַז דער בּאַלעבאָס האָט אים אַרויסגעטריבּן פאַר גנבה, און קיין פויער וויל אים אויפן שוועל ניט אַרויפלאָזן. איז ניטאָ זיך וואו אַהין צו טאָן, און ס'איז אים אַיינגעפאַלן פּרובן מזל אין אַ ווייטן דאָרף, וואו מען קען אים ניט.

גייען זיי צוזאַמען.

ראַבּטשיק גייט מיט פעסטע טריט, אויפן גלייכן וועג. זיין חבר אָבער ציטערט, האָט פאַר אַלץ מורא, לויפט דורכן וואַלד, זוכט, וואו ס'איז פינס־טערער, מען זאָל אים ניט זען.

קומען זיי צו אַ ריטשקעלע. ראַבּטשיק גייט אַריבּער איבּער די שטיינדעלעך, דער געלער אָבער וואַקלט זיך.

— איך געטרוי ניט די שטיינער,— זאָגט ער — מאַלע וואָס עס קאָן פּאַסירן, זיי קענען נאָך אַרויס־גליטשן זיך פון אונטער די פיס, קאָן מען נאָך די פיס פאַר'עצן, — בּעסער איבּערשפּרינגען.

ער איז אַריבּערגעשפּרונגען, זיון זיך צע־קלאַפּט אַ פוס.

גייט ער — הינקט צו און כּעסט זיך.

קומען זיי צו אַ בּאַרג. ראַבּטשיק בּלייבּט ניט

שטיין און גייט גלייך, באַרג אַרויף. דער געלער אָבער וויל דעם באַרג אַרומגיין.

— אויף די בערג — טענהט ער — קען מען זיך אויך ניט פאַרלאָזן, מ׳קען זיך יעדע רגע אַראָפּ־קייקלען ווי אַ שטיין.

ראַבטשיק איז אַרויף אויפן שפּיץ באַרג, זיצט און רוט. זעט ער — דער געלער הונט גייט, גייט אַרום באַרג, פאַרקריכט אין אַ בלאָטע און קען ניט אַרויס.

לויפט שוין ראַבטשיק צו אים און זאָגט:

— איך וועל דיר העלפן...

— ניין, — ענטפערט דער געלער, — דו טרעט בעסער אָפּ... ווער ווייס דיך! אַ קשיא אויף אַ מעשה: קענסט מיר נאָך אַ שטוים טאָן, וועל איך נאָך טיפער פאַרזינקען.

— נו, ווי דו ווילסט. איך מוז אָבער גיין, — ס׳ווערט שפּעט.

ראַבטשיק האָט שוין גענומען גיין, האָט זיך אָבער באַלד אומגעקערט: אַ חבר אין אַ נויט טאָר מען ניט פאַרלאָזן.

דער הונט האָט זיך געמאַטערט, געמאַטערט, סוף־כּל־סוף איז ער אַרויסגעקראָכן פון דער בלאָטע, האָט אַפילו קיין דאַנק ראַבטשיקן ניט געזאָגט.

פאַרוואָס ער האָט געוואַרט אויף אים. ער האָט שווער געאָטעמט און געזאָגט צו ראַבטשיקן:

— איך בין אויסגעמאַטערט, ווייטער גיין האָב איך קיין כּוח ניט, מירן שוין דאָ איבערנעכטיקן.

ווי ראַבטשיק האָט זיך געלייגט, איז ער גלייך איינגעשלאָפן. וואָס האָט ער צו טראַכטן? אויפן האַרצן איז רואיק: קיין שלעכטס האָט ער קיינעם ניט געטאָן, אַלע זיינען מיט אים צופרידן, וועט מען אים צונעמען דאָרט אין יענעם דאָרף איז גוט, אַ ניט, קערט ער זיך אום צוריק. די פּויערים וועלן זיך דערפרייען מיט אים: זיי האָבן דאָך אים געבעטן בלייבן.

דעם געלן הונט אָבער נעמט קיין שלאָף ניט, כאָטש ער איז פאַרמאַטערט. דאָ איז אים פינסטער, דאָ צו ליכטיק, ס'וואַרפט אים אין קעלט, אין היץ, ער האָרכט זיך צו, אפשר גייט עמיץ.

אַזוי האָט ער זיך געדרייט אויף אַלע זייטן ביז באַגינען, און ניט איינגעשלאָפן.

די העגער אין דאָרף האָבן גענומען קרייען, די זון איז אויפגעגאַנגען, ראַבטשיק האָט זיך אויפגעכאַפּט, אויסגעריבן די אויגן, אָפּגעטרייסלט.

זיי האָבן זיך געלאָזן אין וועג אַריין.

גייען זיי און גייען, און קומען אין דאָרף. ווי נאָר ראַבטשיק איז אַריין אין דאָרף איז ביים עולם

הינט געוואָרן אַ שמחה, אַ גדולה. אַ גאַנצע כאָפּטע האָט אים פריילעך מקבל פּנים געווען. אויפן געלן אָבער קוקט די חברה קרום, טשעפּעט אים אָבער ניט. ער איז דאָך געקומען צוזאַמען מיט ראַבּטשיקן.

דערזען ראַבּטשיקן, האָט דער באַלעבאָס זיך דערפרייט, געגעבן אים עסן צוזאַמען גלאָזן ביי זיך.

און דער געלער הונט וואַרט אַלץ, וואָס וועט דאָ זיין.

דערווייל וואַרפט ער אַ בליק, וואָס און וואו ליגט.

מיטאַמאָל זעט ער, — אַ פּויער גייט. אַ פּויער, ווי אַלע פּויערים, מיט אַ לאַנגער באָרד, אַ זעקל — אויפן פּלייצע, אָבער ער געפעלט ניט דעם געלן. ער באַהאַלט זיך פאַרן פּויער הינטערן ברונים.

דער פּויער האָט אים אָבער באַמערקט און שרייט:

— אַהאַ! האָסט זיך אַזש אַהער אַוועקגעשלעפּט. יאָגט אים, טרייבט אים, איך קען אים גוט. אַ מיאוסער נפש! אַ בייזער, אַ ביטרער און אַ גנב דערצו.

זיינען די הינט אויף אים אַרויפגעפאַלן. געריסן, געביסן, געטריבן.

קוקט ראַבּטשיק, קוקט און ס'פאַרנעמט אים ביים האַרצן: אַ רחמנות, נעבעך, אויפן געלן הונט. ער קען אים אָבער גאָרניט העלפן.

אַ פאַרמאַטערטע האָט די חברה הינט זיך אומ־
געקערט מיט אַרויסגעשטעקטע צינגער.

און דער געלער איז אַרויסגעלאָפן פון דאָרף,
האָט זיך בייז אומגעקוקט אויף ראַבטשיקן און אים
געוויזן די ציין. וואָס איז אָבער ראַבטשיק שולדיק?

יאָ, ניט אַלע הינט אויף דער וועלט זיינען
גלייך!...

די וועווערקע
און די קראע.

I.

די וועווערקע שפּרינגט איבער די צווייגע-
לעך. שפּרינגט הויך אויף די אַלטע
בוימער, אונטערן לויטערן הימל.

בויגן זיך די צווייגן, רוישן די גרינע בלעטער און נעמען זי אויף מיט אַ ברייטן ברוך הבא:

— גוט מאָרגן, וועווערקע! גוט מאָרגן, געלינקע?

טאַנצט זי פון צווייגל אויף צווייגל, וויגט זיך און שפּרינגט ווייטער.

זי באַגעגנט אַ סך, אַ סך פייגעלעך; זינגען איר אַלע אונטער אַ פריילעכס און טאַנצן פונקט ווי זי, הויך אויף די אַלטע בוימער, אונטערן לויטערן הימל.

די וועווערקע האָט האָלט די פויגעלעך. זי האָט האָלט דעם סאָלאָוויי, די שוימפייגעלעך, אַלע, אַלע זינגערקעס, נאָר איין פינגסטל געפעלט איר ניט.

דערדאָזיקער געלער פויגל גיט אַ פייף, קערט זיך אום צו איר און זאָגט:

— ווייז אָקאָרשט אַ קונץ און פייף ווי איך!

פאַרדריסט דאָס דער וועווערקע, אויף כּפּרה דאַרף זי פייפן...

זי קען טאַקע טאַנצן איבער די צווייגלעך, פלינק אַריבערשפּרינגען, זי קען הייגנען מיטן קאָפּ אַראָפּ, ניסע־לעך קלייבן, אָבער פּייפן — ניין, דאָס קען זי ניט. ס׳איז אַפילו נאַריש וועגן דעם צו פרעגן.

די וועווערקע איז צוגעשפּרונגען צום נוסבוים, האָט געפונען דריי ניסלעך, איינעם — אַ גרויסן, צוויי קלענערע, האָט זיי באַהאַלטן אין פּיסקעלע און אַוועקגעלאָפן צוריק, צו זיך אַהיים, פון נוסבוים — אויף די ליפּע, פון דער ליפּע — אויפן קליאָן, פון קליאָן — אויף יאַשען.

זי האָט הנאה פון ווינטעלע, וואָס שאָקלט די בלעטער פון די בוימער. אויף אַ דיקן בוים קלע־טערט דער פּיקהאָלץ, קלאַפּט אין קאָרע: טוק—טוק, טוק—טוק. סאַראַ בייזער פריק, סאַראַ מינע ער מאַכט! דרך ארץ פאַר אים!

די וועווערקע האָט שוין געוואָלט פון יאַשען אַריבערשפּרינגען אויף אַ בעריאָזע, אַז דער פינגסט איז דאָ, זיצט אויף אַ צווייגל, גלייך מיט איר.

דערזען די וועווערקע, האָט ער אַ פייף געטאָן און געפרעגט:

— און דו קענסט אַזוי ווי איך?

האָט דאָס וועווערקע נאָך מער פאַרדראָסן, זי האָט אָבער קיין וואָרט ניט געענטפערט און איז

אַוועקגעשפּרונגען. דער פינגסט — נאָך איר און בסדר זיך געריייצט:

— בע, דו קענסט טאַקע ניט!... בע, דו קענסט טאַקע ניט!

מיטאַמאָל דערזעט די וועווערקע, — אַ קראָע פליט, — אַן אַלטע זקנה, איין פליגל היינגט איר אַראָפּ, אַן אומגעלומפּערטע אַזאַ, קוים, וואָס זי רירט זיך.

די קראָע האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַ צווייגל אָפּגעריסן, זיך גענומען זיך דראַפּן און קוים מיט צרות זיך איינגעזעצט.

די וועווערקע האָט גאָר פאַרגעסן אָן דעם פינגסטל, קוקט אויף דער קראָע און לאַכט פון איר שוין צו מיאוס האָט איר אויסגעוויזן די אומגעלומ-פּערטע זקנה: ניט זי קען פליען, ניט זיך אַ דריי טאָן, אַפילו זיצן קען זי אויך ניט.

דערזען, אַז די וועווערקע לאַכט פון איר, איז די קראָע אין כעס געוואָרן און זאָגט:

— דו, געלע, וואָס לאַכסטו דאָרט? איך וועל דיר דאָ באַלד...

האָט זיך די וועווערקע דערשראָקן, אַ פינטל געטאָן מיט די אויגעלעך, פונאַנדערגעלאָזן דעם עק און געפּגט דעם מויל — האָט גאָר פאַרגעס,

אַז דאָרט ליגן די ניסלעך, און טאַקע אָנגעוואָרן דעם סאַמע גרעסטן, דעם סאַמע בעסטן.

וואָס טוט מען דאָ?... מוז מען זיך אַראָפּ-לאָזן אונטן, אויף דער ערד אַ זוך טאָן.

און די קראָע האָט געזען, ווי דער ניסל איז אַראָפּגעפאַלן, איז זי אַראָפּגעפלויגן נאָך איידער די וועווערקע האָט זיך אַ ריר געטאָן, אים געפונען און צוגעדריקט מיט דער לאַפּקע.

די וועווערקע איז גלייך צוגעשפּרונגען צו דער קראָע און זיך געטעטן רחמים:

— גיב מיר אָפּ, גיב, טו אַ טובה, גיב!

— דיר אָפּגעבן?! קוקט זי נאָר אָן, אַ טובה איר טאָן, אָקאָרשט פון מיר אָפּגעלאַכט, חוזק גע-מאַכט, טראָג זיך אָפּ!...

האָט זיך די געלע אָנגעבלאָזן:

— געדיינקן! וועסט מיר נאָך אָפּגעבן! — די אויגן גלאַנצן ביי איר, דער עק האָט זיך אויפגע-הויבן אין דער הויך.

— קראַ, קראַ, קראַ!... האָט די קראָע זיך גע-רייצט און געמאַכט מיט די געלומפּערטע פליגלען.

איז די וועווערקע געבליבן מיט די צוויי ניסע-לעך. זי האָט געטראַכט, געטראַכט, אויף קיינעם ניט געקוקט, שוין פון קיינעם קיין חוזק ניט געמאַכט און איז מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קעפּל אַוועק אַהיים.

זיצט די װעװערקע אײנער אַלײן אויף אַ צװײגל, הוידעט זיך ניט, זיצט רואיק, דעם עק אַראָפּגעלאָזן פאַרדאגהט,

אונטן אין גראָז שטײען צװײ שװעמלעך, אײנס אַגרויס, דאָס פּיסל — װײס, דאָס היטל — טונקל. ס'אַנדערער—גאָר אַ מאָנטשינקס, אַז עס װעט אויסװאַקסן, װעט עס זײן װי דער חבר. אָבער דערװײל איז עס נאָך אינגאַנצן אַ געלינקס, אַ קײלעכדיקס, באַהאַלטן אין מאָך, אים איז דאָרט גוט, אים איז דאָרט װײך.

קוקט די װעװערקע, שעפּט נחת פון דעם שװעמעלע, און אַלײן איז איר אויפן האַרצן ניט גוט, ניט פרײלעך.

די קראָע גײט איר פון זינען ניט אַרויס. זי דערמאָנט זיך, װי די קראָע איז שװער געפלױגן, װי זי האָט זיך פון צװײגל אַראָפּגעריסן, געדראַפּעט זיך, קוים, װאָס זי האָט זיך אַײנגעזעצט.

— אַלט, אַװדאי, שװאַך, נעבעך... װאָס פאַראַ משוגעת איז אויף מיר אַרויף פון איר אָפּצולאַכן?

מיטאַמאָל הערט זי, עמיץ פליט נאָנט, מאַכט שװער מיט די פליגלען.

זי זעט,—די קראָע, דיזעלבע אַלטע קראָע. זי איז פאַר-

בײגעפלויגן, ווי זי וואָלט די ווערעעקע גאָרניט באַ־
מערקט, זיך געזעצט ניט ווײט אויפן זעלבן צווײגל טאַקע.
די קראָע האָט מיט איין אויגל געוואָרפן אַ בליק
אויף דער וועווערקע, קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט.
די וועווערקע האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און געזאָגט:
— איך האָב געטאָן אַ זינד, איך בין שולדיק געגן
דיר. זײ מיר מוחל, כ׳האָב קיין שכל גיט געהאַט,
איצט האַלט איך אין איין טראַכטן: פאַרוואָס האָב
איך דיך מביש געווען?
— הער שוין אויף, הער אויף, גענוג רײדן נאַריש־
קײטן—ענטפערט די קראָע,—זעסט דאָך, איך בין אַליין
אַהער געקומען, בײ זיך אין שטוב האָב איך געטראַכט,
געטראַכט, צו וואָס האָב איך געדאַפט אַוועקשלעפן
דעם ניסל. דו דאַרפסט אים אַוודאי האָבן? געוואָלט
דיר אָפּברײנגען, האָב איך אים אָבער פאַרלאָרן
אויפן וועג, ניט געוואוינט צו טראָגן ניסלעך, דו מוזט
מיר שוין מוחל זײן!
— גײ שוין גײ, ניט איך דאַרף דיר מוחל זײן.
און דעם ניסל דאַרף איך אויך ניט, איך האָב זײ
דאָ אין וואַלד, וויפל מײן האַרץ געלוסט.
פון דעמאָלט אָן טרעפן זיך די וועווערקע און
די קראָע זייער אָפט צוזאַמען, גיבן זיך אָפּ גוט־
מאָרגן און זײנען גוטע פרײנד געוואָרן.

די רויז.

דער אַלטער גאָרטן האָט אַיינגעשלאָפּן. די בּוימער שווייגן, די בּלעטער בּאַ־וועגן זיך ניט, סודן זיך ניט.

אַיינגעדרעמלט האָבּן די פייגעלעך, די בּלומען, די גראָזן.

נאָר די אומגעלומפּערטע פלעדערמייז פּלאַ־טערן איבּערן גאָרטן. איצט איז זייער צייט: אונזער פינסטערע נאַכט איז זייער העלער טאָג.

די לבנה פון הימל קוקט אַריין אין טונקעלן גאָרטן און בּאַגיסט מיט זילבּערשיין די בּוימער, די סטעזשקעס און די בּלומענבּייטן, וואו עס וואַקסן די רויזן, די נעגעלעך און חנהלעס־אויגעלעך.

אין סאַמע מיטן שטייט אַ רויטע, נאָך ניט קיין פונאַנדערגעעפנטע רויז. זי איז קענטיק, די איינצי־

קע אין גאַנצן גאָרטן, וואָס איר נעמט קיין שלאָף ניט.

שטייט שטאָלץ פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און חלומט.

באַגינען, — טראַכט זי, — אַז די לבנה מיט די שטערן וועלן זיך באַהאַלטן, ס׳וועט נעמען טאָגן, די זון — שיינען, וועט זי זיך דאָס גרויסאַרטיק פונאַנ־דערלאָזן. די גאַנצע וועלט וועט נתפּעל ווערן, די גאַנצע וועלט וועט אַנטציקט זיין פון איר שיינקייט, פון איר פּראַכט.

ווער׳ וועט זיך ניט בוקן פאַר איר, פאַר דער שענסטער בלום אין גאָרטן? זי דאַרף זיך נאָר האַלטן שטאָלץ, קוקן אויף אַלעמען פון אויבן אַראָפּ.

די נאַכט איז אַוועק, די זון האָט אַראָפּגע־שיינט פון הימל, דער גאָרטן האָט זיך אויפגעכאַפּט און געשעפּטשעט מיט זיינע בלעטער.

די פייגעלעך האָבן זיך אויך אויפגעכאַפּט און גענומען זינגען זמירות. די פלעדערמייז זיינען נעלם געוואָרן אין זייערע לעכער.

אַ גאָלדענער זונענשטראַל האָט זיך אַראָפּגע־לאָזן צו דער רויז, איר אַ קוש געטאָן.

זי האָט זיך ברייטער און ברייטער פונאַנדער־געעפנט און געלאָזן פון זיך אַזוינע מח־הדיקע ריחות, אַז הנהלעס־אויגעלעך האָבן די קעפּעלעך פאַר איר

פאַרנייגט. אָבער די רויז האָט אַפילו ניט געוואָלט אַ קוק טאָן אויף זיי.

אַ בינעלע איז פאַרבייגעפלויגן, זיך שוין געוועסט געזעצט אויף דער רויטער רויז, דערזען אָבער, ווי שטאָלץ זי פאַרוואַרפט דעם קאָפּ, האָט די בין זיך אַראָפּ־געלאָזן אויף דאָס דערבייאיקע נעגעלע. באַלד איז זי אַוועקגעפלויגן אָנזאָגן אַלע בינעלעך, זיי זאָלן זיך היטן פאַר דער רויז. פון בלום אויף בלום, פון גרעזעלע אויף גרעזעלע איז זי געפלויגן און צעטראָגן איבערן וואַלד די ידיעה וועגן דער שטאָלצער רויז.

פאַרנאַכט האָט די רויז דערהערט, ווי דער ווינט באַוועגט זיך, שעפּטשעט עפּעס שטיל און רואיק.

— אַוודאי וועגן מיר, וועגן מיין שיינקייט! — טראַכט די רויז און הערכט זיך צו.

דאָס ווינטעלע האָט גאָר געשמועסט מיט די אַלטע ליפּעס. ער האָט זיי דערציילט, וואָס הערט זיך אין וואַלד, וואָס מאַכן די בוימער, די בלומען, די ריטשקעלעך, די פויגעלעך. פליענדיק פאַרביי דער רויז, האָט דאָס ווינטל זי אַ שאָקל געטאָן. די ליפּע האָט אים שוין דערציילט וועגן איר.

די זון האָט זיך באַהאַלטן הינטערן וואַלד, ס'איז געוואָרן טונקל.

ווידער האָבן זיך אָנגעצונדן די שטערנדלעך, ווידער האָט די לבנה אַריינגעקוקט אין גאָרטן.

שטיל איז אַרום. דער סאָלאָוויי האָט זיך געזעצט אויף אַ צווייגל פון דער אַלטער ליפּע און געזונגען זיין נאַכטליד.

די רויז האָט אים געזען און געוואַרט, ער וואָל זינגען וועגן איר. דער סאָלאָוויי האָט זי אָבער ניט באַמערקט, און אפשר — גאָר ניט געוואָלט באַמערקן.

ער האָט געזונגען וועגן אַלץ אויף דער וועלט: וועגן דער זומערנאַכט, וועגן דער לבנה, וועגן די שטערן, וועגן וואַרימען נעסטעלע. נאָר וועגן דער רויז האָט ער קיין וואָרט ניט דערמאָנט.

האָט עס דער רויז שטאַרק, שטאַרק פאַרדראָסן.

אין דערזעלבער רגע איז אַ זשוקל, וואָס האָט געדרעמלט אויף אַ בלאַט פון דער אַלטער ליפּע, אַראָפּגעפאַלן גלייך אויף דער רויז. איז זי דאָס אין כעס געוואָרן און מיט פאַראַכטונג אַראָפּגע-טרייסלט אים פון זיך. דער זשוקל איז אַראָפּגע-פאַלן אויף דער ערד, האָט זיך שטאַרק צעקלאַפּט און לאַנג ניט געקאָנט קומען צו זיך.

הנהלעס-אויגעלעך האָבן זיך אַיינגעבויגן און אים צערטלעך באַדעקט מיט זייערע בלעטעלעך, געוואָלט באַשיצן פון דער שלעכטער רויז.

אָפּווידלען די רויז האָבן הנהלעס-אויגעלעך זיך געשעמט, ניט געהאַט קיין העזה.

דאָ האָט אָבער דער אַלטער גאָרטן, די

אַלטע ליפּע געשאָקלט מיט די צווייגן, געטענהט אין איין קול:

— רויז, דו ביסט אַ שלעכטע! רויז, דו ביסט אַ שלעכטע!

דער סאָלאָוויי האָט זיך אויפגעהייבן און ווייט, ווייט זיך אַוועקגעטראָגן.

די רויז הערט די טענות פון דעם גאָרטן, פון דער ליפּע, ס'אַרט איר אָבער ווי דער וואַנט, אדרבא, זי טראַכט: אַלע זיינען אויף איר אין כּעס, זיינען איר מקנא.

זי האָט זיך אויסגעצויגן און אַרויסגעשטעלט אירע שטעכעדיקע דערנער.

אַלע ביימער האָבן זיך פון איר אָפּגעקערט. דאָס ווינטל, וואָס איז אָקאָרשט געקומען צופליען, האָט האָלט דעם אַלטן גאָרטן, די ביימער, האָט ער זיך צעבייזערט אויף דער רויז, און זי גענומען טרייסלען. זי איז צעשאָטן געוואָרן. דער ווינט האָט געדרייט אירע בלעטעלעך אינדערלופטן און צע־וואָרפן איבערן גאַנצן גאָרטן.

באַלד איז פון דער שטאָלצער רויז פאַר־בליבן נאָר איר פּיסעלע, דאָס דינע שטיינגעלע, און אים האָט דער ווינט געשאָקלט אויף אַלע זייטן, ביז ער איז מיד געוואָרן.

ס׳דרוקט זיך:

ס. טאָמפּסאָן—דער שווארצער מוסטאנג.

〃 〃 וואָראָבייטשיק מזיק

〃 〃 רויט קראגעלע

דזשעק לאָנדאָן—דער פאררעטער.

〃 〃 —האָטשאָו און האָטשאָו.

מיט באשטעלונגען זיך ווענדן:

Białostockie Wydawnictwo „KSIĄŻKA"

B. Tabaczynski, Nadrzeczna. 16.